**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/9/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהייב פון גרונטליכע 25 ביליאן דאלער האָוזינג פלאן אין היסטארישע פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט

### *אלץ-ארומנעמענדע האָוזינג פלאן צו שאפן צוגענגליכע יוניטס, העכערן שטיצנדע און סיניאָר האָוזינג, פאראויס-פירן היים-פארמאגערשאפט געלעגנהייטן און מאכן שטובער מער ענווייראנמענטאל-גינציג*

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן א גרונטליכע 25 ביליאן דאלערדיגע האָוזינג פלאן אין דעם היסטארישן פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט. דער בודזשעט אנטהאלט א דרייסטע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 דירות מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע טיילן פון דער באפעלקערונג. דער איינגעפירטער בודזשעט וועט אויך מאכן אנגייענדע גרויסע אינוועסטירונגען צו בויען נייע אונטערהאלטנדע האוזינג, פרעזערווירן עקזיסטירנדע מולטי-פאמיליע דעוועלאפמענטס, בויען נייע היימען פאר עלטערע מענטשן, שאפן נייע געלעגנהייטן פאר ערשט-מאליגע היים אייגנטימער און פארבעסערן ענערגיע שפּאָר-מיטלען לענגאויס דעם סטעיט׳ס איצטיגן האָוזינג זאפאס.

״שאפן און אויסהאלטן צוגענגליכע, זיכערע, אפגעהיטענע וואוין-ערטער פאר ניו יארק׳ס פאמיליעס, עלטערע מענטשן, וועטעראנען, ערוואקסענע מיט ספעציעלע באדערפענישן, און יחידים וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט איז א גרונטשטיין פון מיין אדמיניסטראציע און דער היי-יעריגער בודזשעט בויט אויף יענע פארשפרעכונג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אלץ-ארומנעמענדע אינוועסטירונגען זענען העכסט-נויטיג אויף צו סערווירן נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע דינגער און היים אייגנטימער, אפהיטן און באשיצן אונזערע עקזיסטירנדע האָוזינג זאפאסן, אינוועסטירן אין פאבריצירטע היימען און פארקס לענגאויס דעם סטעיט און ארויסהעלפן די וועלכע מאכן מיט האָוזינג אומזיכערהייט, און איך דאנק די לעגיסלאטיווע פירער פאר זייער ארבעט אין העלפן פארזיכערן די היסטארישע אינוועסטירונגען.״

גאווערנער האוקול בויט אויף די ערפאלג פון דעם סטעיט׳ס איצטיגן האָוזינג פלאן מיט דאס שאפן א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן פלאן וואס וועט פאקוסירן אויף עקאנאמישע ערהוילונג, סאציעלע יושר, קלימאט אקציע, און פארבעסערטע דיגיטאלע באהאפטנקייט.

דער פלאן באשטייט פון 5.7 ביליאן דאלער אין קאפיטאל אייגנטומען, 8.8 ביליאן דאלער אין סטעיט און פעדעראלע שטייער קרעדיטס און אנדערע פעדעראלע באשטימונגען, און 11 ביליאן דאלער צו שטיצן די אפעראציע פון שוץ-ערטער און אונטערהאלטנדע דירות און צושטעלן רענט סובווענצן.

דאס באזארגט אויך פאר׳ן עלעקטריזירןנאך 50,000 וואוינונגען אלס טייל פון דעם סטעיט׳ס פלאן צו עלעקטריזירן איין מיליאן וואוינונגען און מאכן נאך איין מיליאן עלעקטריזירונג-גרייט.

הויכפונקטן פון דעם פלאן נעמען אריין:

- 1.5 ביליאן דאלער פאר׳ן שאפן און אפהיטן אונטערשטיצנדע האָוזינג וואס גיבט יחידים און פאמיליעס וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצע סערוויסעס און מאכן מיט היימלאזיגקייט אדער האָוזינג אומזיכערהייט מיט די אויפ׳ן-ארטיגע הילפס-מיטלען אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף צו בליען און לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט;
- 1 ביליאן דאלער פאר נייע קאנסטרוקציע פון מולטי-פאמיליע צוגענגליכע האָוזינג צו העלפן יחידים און פאמיליעס געפונען נייע געלעגנהייטן צו לעבן צוגענגליכערהייט;
- 450 מיליאן דאלער אפצוהיטן עקזיסטירנדע מולטי-פאמיליע געדינגענע האָוזינג וועלכע וועלן סערווירן צו שטערקער מאכן עקזיסטירנדע צוגענגליכע האָוזינג לענגאויס דעם סטעיט און ערמעגליכן פאר יחידים און פאמיליעס צו בלייבן מיט סטאבילע וואוינונגס אומשטענדן;
- 400 מיליאן דאלער צו שטיצן היים-פארמאגערשאפט מעגליכקייטן איבער׳ן סטעיט, איבערהויפט אין היסטאריש אונטערסערווירטע מארקעטס, און צו געבן נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס די מעגליכקייט צו האבן דעם טרוים פון ערשט-מאליגע היים-פארמאגערשאפט;
- 300 מיליאן דאלער פאר סיניאָר האָוזינג צו העלפן עלטערע ניו יארקער איינוואוינער זיך צו עלטערן אין פלאץ זיכערערהייט אין וואוינונגען וועלכע קומען נאך זייערע געזונטהייט געברויכן אין די קאמיוניטיס וועלכע זיי ליבן;
- 250 מיליאן דאלער פאר א לאנד-פירנדע עלעקטריזירונג פאָנד צו פארבעסערן ענערגיע-ווירקזאמקייט אין נידעריגע-איינקונפט האָוזינג יוניטס;
- 220 מיליאן דאלער פאר מיטשעל-לאמא דעוועלאפמענטס לענגאויס דעם סטעיט אפצוהיטן צוגענגליכקייט און מאכן וויכטיגע לאנג-טערמיניגע קאפיטאל פארבעסערונגען ווי אויך דאס שאפן קביעות׳דיגע צוגענגליכע היים-פארמאגערשאפט;
- 200 מיליאן דאלער צו אפהיטן פובליק האָוזינג אויסער ניו יארק סיטי - די האָוזינג סערווירט אפטמאל די נידעריגסטע-איינקונפט ניו יארקער און נויטיגן זיך אין קאפיטאל אינוועסטירונג; און
- 105 מיליאן דאלער אפצוהיטן פראפערטיס אין ווייניגער באוואוינטע ערטער, און מאביל און פאבריצירטע היים פארקס.

דער פינאנץ-יאר 2023 איינגעפירטע בודזשעט וועט אויך אדרעסירן נאך עטליכע הויפט האָוזינג פריאריטעטן ווי צ.ב.ש. 350 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פארבעסערונגען פאר דער ניו יארק סיטי האָוזינג אויטאריטעט און 100 מיליאן דאלער פאר דער ׳באוואוינען אונזערע שכנים מיט זעלבסט-עהרע׳ געזעץ איבערצובייטן ליידיגע קאמערציעל פראפערטיס און נאכגעלאזטע האטעל פראפערטיס לענגאויס דעם סטעיט.

נאך מער, 85 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וועט העלפן ברענגען איצטיגע אַקסעסאָרי דירות לענגאויס דעם סטעיט — אריינגערעכנט בעיסמענט דירות, גאראדזש יוניטס, און בעקיאַרד קאטעדזשעס — אין איינקלאנג מיט׳ן קאָוד און פארבעסערן זיכערהייט פאר די אלטערנאטיווע האָוזינג אפציעס.

50 מיליאן דאלער איז באשטימט געווארן פאר לאנד-שטח באנקס צו קויפן און זיך ווידער-אנטוויקלען ליידיגע אדער נאכגעלאזטע פראפערטיס צו בעסער סערווירן די פובליק אינטערעס.

35 מיליאן דאלער וועט זיין געאייגנט אויף צו שאפן אן ארויסזעצונג אפהאלט לעגאלע הילף פראגראם צו מאכן בחינם׳דיגע לעגאלע ייעוץ גרינגערערהייט צו נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע טענאנטן אויף זיך צו באשיצן קעגן ארויסזעצונג פראצעדורן.

35 מיליאן דאלער וועט שטיצן דער סטעיט׳ס היים אייגנטימער באשיצונג פראגראם וועלכס וועט העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער דארפן נישט אויסשטיין דער פארלוסט פון זייערע היימען צוליב נישט האבן לעגאלע הילף אדער קוואליפיצירנדע האָוזינג יעוץ.

די רורעל אפהיט און שכינות אפהיט פראגראמען וועלן באקומען זייער ערשטער העכערונג זינט זיי זענען געשאפן געווארן מיט איבער 40 יאר צוריק. דורך צושטעלן איבער 18 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וועלן די פראגראמען זיין אפן צו מער געגנט און רורעל אפהיט קאמפאניס וועלכע שטעלן צו ארטיגע, פארנט ליניע שטיצע פאר האָוזינג געברויכן אין קאמיוניטיס און געגנטער לענגאויס דעם סטעיט.

א סך הכל פון 36 מיליאן דאלער וועט גיין צו דעם ניו יארק סטעיט צוגענגליכע האָוזינג קארפאראציע (AHC) צו העכערן היים-פארמאגערשאפט מעגליכקייטן פאר נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע פאמיליעס דורך צושטעלן גרענטס צו רעגירונג, נאָנפּראָפיט און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס צו העלפן לינדערן די קאסטן פון ניי-געבויטע הייזער און דאס רענאווירן עקזיסטירנדע האָוזינג.

דער סטעיט׳ס יושר׳דיגע האָוזינג טעסטינג פראגראם וועלן ווערן צוגעשטעלט נאך 2 מיליאן דאלער אויף צו העכערן די מעגליכקייט צו פרא-אקטיווערהייט אויספארשן פארדעכטיגטע האָוזינג דיסקרימינאציע און צו שטערקער מאכן בילדונג און פארבינדונג באמיאונגען אויף יושר׳דיגע האָוזינג רעכטן און פאדערונגען פאר לענדלאָרדס, ריעל עסטעיט פראפעסיאנעלן און ארטיגע רעגירונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן